ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## חג השבועות

**(חלק יח — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת במדבר, (אה״ק) כא־כז אייר; (בכל העולם) כח אייר — ה סיון, ה׳תשפ״ב (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חג השבועות

א. בנוגע צו מתן תורה דערציילט די גמרא[1]: „בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה רבש״ע מה לילוד אשה בינינו. א״ל לקבל תורה בא. אמרו לפניו חמודה גנוזה שגנוזה וכו׳ אתה מבקש ליתנה לבשר ודם, מה אנוש כי תזכרנו וגו׳[2] תנה הודך על השמים[3]. א״ל הקב״ה למשה החזיר להן תשובה וכו׳. אמר לפניו רבש״ע תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה[4] אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. א״ל למצרים ירדתם לפרעה השתעבדתם תורה למה תהא לכם. שוב מה כתיב בה[5] לא יהי׳ לך אלקים אחרים, בין עמים אתם שרויין שעובדין ע״ז (ועד״ז האָט משה געענטפערט די מלאכים וועגן די אַנדערע דיברות:) כלום אתם עושים מלאכה . . משא ומתן יש ביניכם . . אב ואם יש לכם . . קנאה יש ביניכם יצה״ר יש ביניכם . . מיד הודו לו להקב״ה וכו׳״.

שטייט אין ספרים[6], אַז יסוד הטענה — ע״פ הלכה — פון די מלאכים „תנה הודך על השמים״ איז דאָס דינא דבר מצרא:

דער דין[7] איז אַז אויב איינער פאַרקויפט אַ פעלד צו אַ צווייטן, האָט דער בר מצרא, דער שכן, די רעכט צונעמען די פעלד פון דעם לוקח, ווייל ס׳איז אַ טובה פאַר דעם בר מצרא צו האָבן זיינע פעלדער צוזאַמען[8], און תורה זאָגט[9] „ועשית הישר והטוב בעיני ה׳״.

דאָס האָבן די מלאכים גע׳טענה׳ט: וויבאַלד די תורה איז גנוזה[9*], געפינט זיך במרום (בשמים), און זיי זיינען בשמים, האָבן זיי דעם דין פון „בר מצרא״ צו באַקומען די תורה, און דעריבער — „תנה הודך על השמים״.

[און דערמיט איז מובן ווי אַזוי די מלאכים האָבן געוואָלט צונעמען די תורה נאָכדעם[10] ווי עס שטייט שוין אין תורה „צו את בנ״י״, „דבר אל בנ״י״ (וכיו״ב) — ווייל דער דין ביי בר מצרא איז, אַז אויך נאָך דער מכירה איז מען מסלק דעם לוקח פונעם שדה און מ׳גיט עס אָפּ צום בר מצרא[11]].

1) שבת פח, ב ואילך.

2) תהלים ח, ה.

3) תהלים שם, ב.

4) יתרו כ, ב.

5) יתרו שם, ג.

6) בס׳ שתי ידות (להר״א חזקוני. אמשטרדאם תפ״ו) ר״פ תרומה מביא זה בשם המדרש. ובס׳ שארית יעקב (להרי״ אלגאזי. קושט׳ תקי״א. ליוורנו תק״נ) פ׳ במדבר בשם „כת הקודמי׳ ז״ל״, „ראשונים״. ובפני דוד (להחיד״א) פ׳ יתרו דהוא „שוגרת ומשוגרת״. ושקו״ט בזה בהרבה ספרים — ומהם (נוסף על הנ״ל): באר יצחק (להר״י שאנגי׳. שאלוניקי תצ״ה) פ׳ יתרו דרוש ב׳. ראש דוד (להחיד״א) פ׳ יתרו. חסדי אבות לאבות (להנ״ל) פ״ג מי״ד. מערכי לב (להר״י חזן. שאלוניקי תקפ״א) ערך מ״ת דרוש י״ב. ברית אבות (להר״א בורייאט. ליוורנו תרכ״ב) פ׳ יתרו. שפת אמת עה״ת פ׳ יתרו. פתח שער לנחל יצחק ח״א וח״ב. וראה אנציקלופדיא תלמודית מע׳ בר מצרא.

7) ב״מ קח, א. רמב״ם הל׳ שכנים פי״ב ה״ה. טושו״ע חו״מ סי׳ קעה ס״ו.

8) רש״י ב״מ שם. רמב״ם שם.

9) ואתחנן ו, יח. ובתשובות מיימוניות לס׳ קנין (סי׳ טז) שהוא קרוב למ״ע.

9*) ועפ״ז יומתק זה שלא אמרו בקיצור חמודה שגנוזה.

10) אבל ראה ב״ר פ״א, ד.

11) ואדרבה, עיקר דינא דב״מ הוא על הלוקח שצריך להסתלק, ולא על המוכר (פרש״י ב״מ שם,

און אַלס אָפּשלאָג אויף זייער טענה[12], געפינט מען אין מפרשים[13] כמה תירוצים – ומהם:

א) דער דין פון בר מצרא איז שייך נאָר ביי קרקע, ניט ביי מטלטלין[14], און תורה איז דאָך ניט קרקע[15].

ב) דינא דבר מצרא איז נאָר ביי מכירה, ניט ביי מתנה[16], און די תורה איז געגעבן געוואָרן במתנה.

ג) אידן זיינען קרובים להקב"ה, כמש"נ[17] „מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו", און נאָכמער: אידן זיינען „בנים למקום"[18], און ביי קרובים[19], און (עאכו"כ) בנים[20] גייט ניט אָן דינא דבר מצרא.

ד) אויף משה רבינו שטייט[21] אַז ער איז געווען „איש האלקים", זאָגט דער מדרש[22] „מחציו ולמטה איש מחציו ולמעלה האלקים", איז דאָך משה רבינו געווען „בר מצרא" צו דער תורה וואָס איז בשמים.

ה) אויפן פסוק[23] „ויעמוד העם על משה מן הבקר עד הערב" זאָגן חז"ל[24], אַז משה רבינו איז געווען אַ „דן דין אמת לאמיתו" וואָס „כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית". און דער דין[25] איז, אַז אויב דער לוקח איז אַ

---

ב ד"ה עכו"ם. ועוד*). וראה בס' מערכי לב שם, שמטעם זה אמר הקב"ה למשה שהוא יחזיר להם תשובה ולא השיב להם בעצמו, כי טענת המלאכים היתה על משה (הלוקח).

ומה שהמלאכים טענו להקב"ה** – י"ל: א) כיון שסו"ס צריך משה להחזירה לשמים א"כ הפוכי מטרתא למה לי – ע"ד כתובות קי, א (משא"כ בדזבין לעכו"ם (ב"מ שם, ב)). ב) החיוב שעל הלוקח – מטיל על המוכר האיסור דלפני עוור. (אבל עפ"ז צ"ע – דסו"ס יש על המוכר איסור (אף – שאינו איסור דבר מצרא), משא"כ הפוכי מטרתא – טרחא בעלמא).

12) לכאורה אפשר לומר, שתוכן תשובת משה היא שהתורה אינה שייכת בשמים בכלל, ובמילא אין בזה מצרא וב"מ – אבל ראה לקמן בפנים ס"ה, שטענת המלאכים היתה (לא על חלק הפשט, כ"א) על חלק הסוד שבתורה.

13) בהתירוצים שהובאו לקמן – ראה בס' שנסמנו בהערה 6.

14) העיטור ח"א אות מ' מכירת קרקעות* – הובא במ"מ הל' שכנים פי"ג ה"ד. הר"י ברצלוני – הובא בטור שם. שו"ע שם סנ"ג.

15) להעיר מתניא (פ"ד) „ומשם נסעה וירדה כו'".

בס' ברית אבות כ', שלתורה דין קרקע יש לה כי היא קיום העולם והעולם נברא על ידה. אבל צ"ע: א) סוף־סוף התורה עצמה היא דבר המטלטל, ומאי נפק"מ שע"י הוא קיום העולם. ב) העולם נברא בשביל התורה ולא להיפך, ח"ו. ג) זה שע"י הוא בריאת וקיום העולם הוא רק בחי' אחוריים שבה ולא בחי' פנים (תניא קו"א ד"ה דוד זמירות. ובכ"מ). וראה לקמן הערה 52.

16) ב"מ שם, רע"ב. רמב"ם שם פי"ג ה"א. טושו"ע שם סנ"ד.

17) ואתחנן ד, ז.

18) אבות פ"ג מי"ד. ראה יד, א. שמות ד, כב־כג.

19) כגירסת הבה"ג (הובא בב"י – בשם הר"ן – לטור חו"מ שם ד"ה ואפילו. ד"ה וכתב עוד) בב"מ שם, ד„קרוב ות"ח לית בהו משום דינא דב"מ".

20) תשובת הרי"ף הובא בשטמ"ק לב"מ שם. ובש"ך חו"מ שם סק"ל: ולזה הדעת נוטה לכאורה וצ"ע.

21) ר"פ ברכה. תהלים צ, א.

22) דב"ר פי"א, ד. מדרש תהלים (באבער) מזמור צ. וראה ספרי ר"פ האזינו (ועד"ז בת"י ותיב"ע שם. תנחומא שם ב): משה קרוב לשמים.

23) יתרו יח, יג.

24) שבת י, א. וש"נ.

25) רמב"ם שם פי"ב ה"ה. רא"ש ב"מ שם סל"א. נמוק"י שם. טושו"ע שם סמ"ט.

---

*) וראה לקו"ש חי"ט ס"ע 55 ואילך.

**) במערכי לב שם כ' דהקב"ה **גילה** להם שטענתם היא רק כלפי משה. אבל עפ"ז צ"ל שידעו דין דב"מ – לבד כללות ענינו שהוא על הלוקח!

*) בעיטור שם: אפי' מטלטלין. אבל במ"מ שם: **לבר** ממטלטלי. וראה שער החדש לעיטור שם אות קסח.

שותף פונ׳ם מוכר גייט ניט אָן דינא דבר מצרא[26].

ב. לכאורה קען מען פרעגן אויף די לעצטע צוויי תירוצים: משה איז דאָך קיבל תורה מסיני[27] ניט נאָר פאַר זיך נאָר פאַר אַלע[28] אידן[29]?

פאַראַן מפרשים וואָס זאָגן: א) אַז אַלע אידן זיינען בני מצרא צו תורה, וואָרום נשמות פון אידן זיינען „גזורות מתחת כסא הכבוד"[30].

ב) בשעת מ״ת זיינען אַלע אידן געוועןשותפים להקב״ה, וויבאַלד אידן האָבן שוין געהאַט די מצוה פון שבת אין מרה[31] (פאַר מ״ת), וארז״ל[32] „כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכולו וכו׳ כאילו נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית".

ג. אָבער — צ״ע אין די אַלע געבראַכטע תירוצים, ווייל עיקר חסר מן הספר — קיין איינער פון זיי ווערט ניט דערמאָנט אין דעם ענטפער פון משה רבינו צו די מלאכים[33].

ואדרבה: אין די לעצטע דריי תירוצים ווערט אַרויסגעבראַכט, לכאורה, דער היפך פון טענת משה רבינו: אין די תירוצים ווערט אונטערגעשטראָכן ווי אַזוי משה (און יעדער איד) איז קרוב להקב״ה, איז שייך צו שמים, און איז אַ שותף להקב״ה; די גמרא אָבער ברענגט אַרויס דאָס פאַרקערטע: אַז די תורה איז פאַרבונדן מיט ירידה למצרים וכו׳; עס ברענגט אַרויס די גשמיות פון דעם לוקח, ביז צו „קנאה", „יצה״ר" וכו׳.

ד. אַזוי איז אויך שווער אין יעדן פון די ערשטע צוויי תירוצים (נוסף אויף דער כללות׳דיקער קשיא הנ״ל):

א) אינ׳ם ערשטן תירוץ: דאָס וואָס ביי מטלטלין איז ניטאָ דינא דב״מ איז ווייל דער טעם פון דינא דב״מ — ער זאָל האָבן ביידע פעלדער צוזאַמען — איז ניט שייך ביי מטלטלין, וואָרום מטלטלין קען מען קויפן ערגעץ אַנדערש און ברענגען למקומו[34]. דער טעם איז ניט שייך ביי תורה[*34] — די תורה איז אַ זאַך

---

26) תי׳ זה הוא אליבא דמ״ד (זבחים קטז, א) יתרו קודם מ״ת בא (כמ״ש בס׳ באר יצחק).

27) אבות פ״א מ״א. ובשבת שם: תורה שאתה נותן לי.

28) חוץ מפילפולא דאורייתא שניתנה למשה אלא שנהג בה טובת עין ונתנה לישראל (נדרים לח, א).

29) ופשוט דאין לומר שהאדם ב״מ לשמים (יותר מהמלאכים) מצד זה שהוא מורכב „מן העליונים" (ב״ר פ״ח, יא. פי״ב, ח), ובג׳ (ד׳) דברים דומה (רק — דומה) למלאכי השרת (חגיגה טז, א. אדר״נ פל״ז, ב. ב״ר פ״ח שם).

30) זח״ג כט, רע״ב. וראה הנסמן בנצוצי זהר לזח״א קיג, א.

31) סנהדרין נו, ב.

32) שבת קיט, רע״ב.

33) ומ״ש במפרשים, דבזה שא״ל הקב״ה למשה „אחוז בכסא כבודי" רמז לתשובה (דלעיל ס״ב) דנשמות גזורות מתחת כסא הכבוד — אינו מובן, שהרי בדברי משה אין כל רמז לזה. וראה מ״ש במפרשים הנ״ל — ע״ד הפלפול — בכמה תירוצים דלעיל.

34) ומ״ש בסמ״ע (חו״מ שם סקצ״ז) „דדוקא בקרקע שהוא קנין עולם תקנו דין מצרנות כו׳ ולא בהני" — היינו לפי ששם איירי שא׳ מן השותפין רוצה למכור ובזה לא שייך טעם המבואר בפנים. והא דמפרש (וכן בפרישה לטור) שבשו״ע איירי בנדון דשותפות* — י״ל, כי בלאה״כ פשוט שאין שייך במטלטלין דדב״מ מטעם המבואר בפנים.

*34) ואין להקשות דא״כ שוב בטל הדין דבר מצרא, שהרי דינא דב״מ הוא רק אם הלוקח יכול לקנות שדה במק״א —

כי בקשת המלאכים תנה הודך על השמים פשיטא דהיינו שתהי׳ רק כמ״ש בלקו״ת תזריע (כג, ב. ובאוה״ת (שם כרך ב׳ ע׳ תקלא ואילך)) —

---

*) ובפרט שבמקור הדין (נסמן בהערה 14) לא נזכר שאיירי בנדון דשותפות. וראה השקו״ט בב״י לטור שם ד״ה אבל לא במטלטלין.

וואָס מ׳קען ערגעץ אַנדערש ניט קריגן[35].

ב) אויפן צווייטן תירוץ: אויף תורה געפינט מען דריי לשונות: א) „ירושה"[36] – ווי עס שטייט[37] „תורה צוה לנו משה מורשה וגו׳". ב) „מכירה" – כמרז"ל[38] „אמר הקב"ה לישראל מכרתי לכם תורתי כו׳". ג) „מתנה" – כמרז"ל[39] „ג׳ מתנות טובות נתן הקב"ה לישראל כו׳ תורה כו׳". וכנוסח התפלה: זמן מתן תורתנו[40]. און די דריי לשונות ווייזן אויף די דריי אופנים וואָס איז דאָ אין דער שייכות פון תורה צו אידן, כמבואר בכמה מקומות[41]. היינט ווי־באַלד תורה האָט אין זיך אויך „מכר", איז דאָך שייך דינא דבר מצרא אויף תורה[42].

ה. נאָך אַ תירוץ איז פאַראַן (וואָס לכאורה איז מתאים צו לשון הגמרא), בהקדים ביאור המפרשים[43] אַז טענת המלאכים איז אויף חלק הסוד שבתורה: אויך מלאכים ווייסן אַז צום חלק הפשט (ועשי׳) האָבן זיי קיין שייכות ניט. ובמי־לא איז זייער טענה פון בר מצרא געווען אויף חלק הסוד. און וויבאַלד אַז צו אידן האָט מען געגעבן די גאַנצע תורה, און מלאכים האָבן געקענט נעמען נאָר איין חלק – איז דער דין[44] אַז „מכר כל נכסיו לא׳ לית בה משום דינא דבר מצרא".

אויך איז דאָ אַ דין[45], אַז אויב דער מצרן דאַרף עס האָבן להרוחה און דער לוקח דאַרף עס ווייל „דחיקא לי׳ שעתא", גייט ניט אָן דינא דבר מצרא. און אַזוי אויך בנדו"ד: דאָס וואָס אידן דאַרפן האָבן תורה איז עס בדוגמת „דחיקא לי׳ שעתא", ווייל תורה איז די חיות פון אַ אידן („הם חיינו"), און דורך תורה איז אַ איד מנצח זיין יצה"ר כמרז"ל[46] „בראתי יצה"ר ובראתי לו תורה תבלין"; משא"כ מלאכים וואָס

---

הלימוד ב(עולם המלאכים) יצירה, והוא עתה בלימוד תנ"ך ורז"ל בכתהאריז"ל (ליקוטי תנ"ך והש"ס שלו וכו׳), ו(רק) באופן כזה ילמדוהו ג"כ בנ"י נשמות בגוף בעוה"ז, אבל אז עיקרה בשמים כי (למטה ידועה רק מציאות הרוחניות ולא מהותה. ואפילו אם גם בזה ישתוו עם המלאכים – בכ"ז) קל יותר הבנתה למלאכים, שהם יותר רוחניים, ובנ"י יצטרכו ליגיעה יותר (ולמשלים מהגשם – דוגמת קנית במק"א).

35) כי לאחר שניתנה תורה למטה – „לא בשמים היא" (ב"מ נט, ב).

36) ונוגע להלכה – ראה סנהדרין נט, א.

37) ברכה לג, ד.

38) שמו"ר פל"ג, א. וראה ברכות ה, א: בא וראה שלא כמדת הקב"ה כו׳ אדם מוכר חפץ כו׳.

39) ברכות שם. וראה ב"ר פ"ו, ה: ג׳ דברים נתנו מתנה לעולם. וראה שמו"ר פכ"ח, א: במתנה נתנה לו. ועד"ז שם פל"ג, ב. וראה שבת קה, א: אנא . . יהבית.

40) ראה המשך וככה תרל"ז פע"א: וי"ל מתן תורה הוא בחי׳ מתנה שבתורה. בנוגע לנוסח ברכת התורה – ראה לקו"ש חי"ג ע׳ 115 הערה 23.

41) ראה בכ"ז בארוכה: המשך וככה שם פס"ו. סח. ד"ה אם רוח המושל תר"ל פ"ג. ד"ה תורה צוה תרנ"ד. ד"ה אם רוח המושל תרצ"ה פ"ד ואילך (סה"מ קונט׳ ח"ב שסא, א ואילך). ד"ה תורה צוה תש"ב. לקו"ש שם ס"ב ואילך.

42) במכ"ש מהא דמתנה שיש בה אחריות יש בה דינא דב"מ (ראה בהמצוין בהערה 16). וגם לפמ"ש הרשב"ם (ב"ב נא, א ד"ה ה"ג במס׳. וראה תוד"ה ולמה קידושין כו, א) דהיכא שכתב בשטר לשון מכר ומתנה לית בה דדב"מ – הרי מפורש שם הטעם כי „במתנה ביקש ליתנה לו ולמה כתב לו בלשון מכר כדי ליפות כחו". אבל בתורה הרי ישנם ב׳ ענינים ואופנים נפרדים דמכר ומתנה, ומצד המכר שייך בזה דדב"מ.

43) אלשיך לתהלים מזמור ח. חדא"ג שבת כאן. ועוד. וראה בכמה מהס׳ שנסמנו בהערה 6. וראה אוה"ת בשלח ע׳ תרמו ואילך.

44) ב"מ קח, ב. רמב"ם שם פי"ב ה"ו. טושו"ע שם סל"ו.

45) רש"י ב"ב ה, א ד"ה ארבעה. בעה"מ לב"מ שם, הובא בנמוק"י ב"מ שם. העיטור אות מ׳ מכירת קרקעות. רמ"א בשו"ע שם סמ"ט. ופליגי על התוס׳ ב"ב שם ד"ה ארבעה. רמב"ן במלחמות ב"מ שם. הג"מ שם פי"ב הי"ג. דיעה הב׳ ברמ"א שם.

46) קידושין ל, ב.

האָבן געוואָלט חלק הסוד שבתורה, און האָבן ניט קיין יצה״ר, איז עס ע״ד להרוחה.

אָבער אויך אויף די תירוצים קען מען פרעגן: דאָס וואָס משה האָט געענט־פערט „למצרים ירדתם . . כלום אתם עושים מלאכה . . מו״מ . . או״א . . יצה״ר יש ביניכם" — אַז מלאכים זיינען ניט שייך צו חלק הפשט והעשי׳ שבתורה, איז דאָך ביי זיי קיין חידוש ניט געווען, די מלאכים האָבן דאָס געוואוסט פון פריער און האָבן דעריבער מלכתחילה געבעטן חלק הסוד שבתורה. און דער ענטפער אויף דעם אַז „מכר כל נכסיו לא׳ לית בה משום דדב״מ", אָדער אַז תורה איז די חיות פון אידן — ווערט אפילו ניט נרמז אין דברי משה?

[און דאָס וואָס תורה איז „דחיקא לי׳ שעתא" ביי אידן מצד מלחמת היצר איז אַ הסבר פון דעם מצב וואָס „יצה״ר יש ביניכם"; אָבער פון דעם לשון פון תשובת משה רבינו והאריכות בזה „כלום אתם עושים מלאכה . . משא ומתן . . אב ואם יש לכם" איז משמע, אַז די תשובה צו די מלאכים איז (ניט אַזוי מצד דעם ענין פון מלחמת היצר, נאָר) מצד דעם כללות׳דיקן ענין, אַז חלק הפשט (והעשי׳) שבתורה איז ניט שייך ביי מלאכים].

ו. איז דער ביאור בזה:

דער תכלית פון תורה איז וואָס על ידה ווערט דורכגעפירט די כוונת הבריאה פון „נתאווה[47] הקב״ה להיות לו (ית׳[48]) דירה בתחתונים". וידוע[49] דער דיוק אין וואָרט „דירה", אַז אַזוי ווי אין אַ דירה געפינט זיך דער אדם בכל עצמותו, אַזוי איז נתאווה הקב״ה אַז עצמותו ית׳ זאָל נמשך ווערן „בתחתונים". און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך תורה, ווייל דורך תורה איז „אותי אתם לוקחים"[50].

און מצד זה פאַלט אָפּ טענת המלאכים פון דינא דבר מצרא: דער דין[51] איז, אַז אויב דער בר מצרא וויל די שדה אויף זריעה און דער לוקח — אויף בנין בית, גיט מען די שדה צום לוקח, ווייל „ישוב עדיף ולית בה משום דינא דבר מצרא". און עד״ז בענינינו[52]: וויבאַלד אַז דער

---

47) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל״ו.

48) כן הי׳ מוסיף (פעמים רבות) כ״ק אדמו״ר (מוהרש״ב) נ״ע — נתבאר בלקו״ש חי״ט ע׳ 27 ואילך.

49) אוה״ת בלק ר״ע תתקצז. המשך תרס״ו בתחילתו (ס״ע ג׳). ובכ״מ.

50) ויק״ר פ״ל, יג (לענין מצות). וראה שמו״ר ר״פ תרומה. פל״ג, ו. תנחומא תרומה ג. וראה תניא פמ״ז. ועוד.

51) ב״מ שם. רמב״ם שם פי״ד ה״א. טושו״ע שם סכ״ו.

52) ראה עד״ז בס׳ שארית יעקב (שבהערה 6), שמכיון שבתורה נברא העולם, ותנאי התנה הקב״ה במע״ב אם ישראל מקבלים תורתי מוטב וא״ל אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו, הר״ז דוגמת הדין דארעא לבתי עדיף משום דישוב עדיף לן. אבל טעם זה אינו מספיק, כי: א) גם החיות של עולמות העליונים תלוי׳ בתורה* (ראה תניא רפכ״ג. קו״א ד״ה דוד זמירות. ובכ״מ). ב) זהו רק בחי׳ אחוריים שבתורה ולא בחי׳ „פנים" שבה (קו״א שם). ג) ועיקר: זה שקיום העולם הוא ע״י התורה אינו נרמז כלל בתשובת משה.

משא״כ עפמש״כ בפנים, שתשובת משה היא כי התכלית של נתינת התורה הוא לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים — דוגמת ישוב וחיזוק העולם. ובזה מתבטא עצם ופנימיות התורה — ראה לקמן ס״ח והערה 61.

---

*) ואף שזה תלוי **בקיום** התורה, היינו קיום המצות הכתובות בתורה (שזהו פי׳ מרז״ל בראשית בשביל התורה ועוד), **במעשה** המצות של התחתונים (תניא וקו״א שם) — הרי (לולא הטעם דלקמן) זהו מפני שהתורה ניתנה למטה, שהרי פשוט שכשביקשו המלאכים תנה **הודך** על השמים — גם קיום המצות כלול בזה (אלא שהוא ברוחניות). ולהעיר ממרז״ל (ראה תניא פ״ד ופ״כ) דאהוי״ר הם שרש כל מ״ע ומל״ת — ואהוי״ר ה״ה עבודת המלאכים וכו׳. וראה תניא רפל״ט.

**תכלית פון תורה איז לעשות לו ית'** דירה (**„בית"**[53]) בתחתונים, **פאַלט אָפּ טענת המלאכים מצד דינא דב"מ.**

**און דאָס איז וואָס משה רבינו האָט געענטפערט „למצרים**[54] **ירדתם . . כלום אתם עושים מלאכה . . משא ומתן יש ביניכם וכו'": תורה איז שייך צו אידן ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט ישוב העולם, עוה"ז** הגשמי **(בין עמים . . קנאה יש) דוקא (וואָרום תורה איז געגעבן געוואָרן אויף צו מאַכן אַ דירה לו ית'** בתחתונים)[55].

**ז. דאָס וואָס מ'האָט ניט געגעבן תורה צו די מלאכים, איז עס ניט ווייל די עליונים דאַרפן ניט אָנקומען צו דער המשכת העצמות שע"י התורה — וואָרום אויך אין עולמות עליונים איז** מצד עצמם **מאיר בלויז אַ** הארה **מאלקותו ית', און זיי זיינען אַ „**ירידה מאור **פניו ית'"**[56];

**און דורך עבודת** התחתונים **ווערט אויפגעטאָן די המשכת העצמות, „דירה לו ית'", אויך אין עליונים, אין** גאַנץ **סדר ההשתלשלות**[57];

**וכידוע**[58] **דער משל אויף דעם: אַז מ'וויל אויפהויבן אַ בנין דורך „כלי ההגבהה הנקרא ליווע"ר", דאַרף מען אונטערלייגן דעם ליווע"ר אונטער די „חלקים התחתונים שבו דוקא", אָבער אויב מ'וועט עס אויפהויבן „מאמצע כו' לא הי' מגבי' התחתונים".**

**און דערפאַר מוז מען געבן תורה דוקא למטה אין עוה"ז „התחתון כו'** שאין תחתון למטה ממנו"[59]**, און דורך דעם ווערט אויפגעהויבן דער גאַנצער „בנין" פון סדר השתלשלות.**

**און דאָס איז אויך וואָס משה האָט מדגיש געווען אין זיין תשובה „קנאה יש ביניכם יצה"ר יש ביניכם" — אויף אַרויס־צוברענגען ווי דאָס איז דער עולם „**התחתון במדריגה **שאין תחתון למטה ממנו בענין** הסתר **אורו ית' כו' עד שהוא מלא קליפות כו'"**[59].

**ח. עס איז אָבער פאָרט ניט מובן: אמת טאַקע, אַז בכדי צו מאַכן אַ דירה לו ית'** בתחתונים **דאַרף מען האָבן די תורה למטה — דאָס נעמט אָבער ניט אַראָפּ די טענת המלאכים מצד** דינא דבר מצרא: **סוף־סוף זיינען זיי בני מצרא און זיי ווילן מאַכן אַ „דירה" („בית") — עכ"פ** — בעליונים?

**מוז מען זאָגן, אַז דער ענין פון דירה לו ית' — המשכת העצמות — קען מען בכלל ניט אויפטאָן (אפילו ניט בעליונים) דורך עבודת המלאכים**[60]**; דוקא דורך עבודת התחתונים ווערט עצמותו ית' נמשך אין סדר ההשתלשלות.**

53) להעיר מהמבואר (ד"ה בשעה שהקדימו תשי"ב. ד"ה יבחר לנו תשכ"ג) שהכוונה דדירה בתחתונים (שמושרשת בעצמותו ית'), היא הסיבה (ועי"ד) מה שכל אדם יש לו רצון מוחלט בעצמותו לבנות בית.

54) מל' מיצר וגבול, בחי' העלם והסתר (תו"א מט, ד. ועוד) — כללות עוה"ז שאינו מאיר שם גילוי אלקותו ית' שלמעלה מן הטבע (ראה שם נ, ב — לענין זמן הגלות).

55) וראה מדרש תהלים מזמור ח: א"ל אינה ראוי' להתקיים בכם . . והיכן היא מתקיימת בתחתונים שנאמר אנכי עשיתי ארץ ואדם עלי' בראתי.

56) תניא פל"ו. וראה ד"ה באתי לגני ה'תשי"א פ"ד.

57) להעיר מד"ה נ"ח תרמ"ג ספ"א [נדפס גם ב„התמים" ח"ג ע' מז].

58) תו"א ד, א.

59) תניא שם.

60) ראה אוה"ת ויצא תתנה, ב. וראה ג"כ אוה"ת בשלח שבהערה 43.

דער ביאור וטעם הדבר: דער כח העַ־צמות וואָס אין תורה ווערט נתגלה און קומט אַרויס בפועל אין דער עבודה פון אַ נשמה ווי זי געפינט זיך אין די מצרים וגבולים פון עוה״ז[61]. די נשמה קומט אַראָפּ אין אַן עולם „מלא קליפות וס״א שהן נגד ה׳ ממש״[59], און אין דעם נידע־ריקן עולם איז זי לוחם מיטן יצה״ר, ברעכט דורך אַלע העלמות והסתרים, און איז זיי מהפך מחשוכא לנהורא; אָט דאָס — די אתכפיא און אתהפכא פון קליפות „שהן נגד ה׳ ממש״ צו אַן ענין של קדושה — איז אַן ענין של התחדשות, מען מאַכט פון דעם יש (וישות) — אין, און דער כח ההתחדשות איז בעצמותו ית׳, וואָס הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא (לחדש) יש מאין[62], און ער גיט דעם כח צו מאַכן מיש אין[63].

און אויך די מעלה פון כח ההתחדשות איז מרומז אין תשובת משה — אין דער טענה „אב ואם יש לכם״:

ס׳איז ידוע[64] אַז דער ענין פון הולדה איז אַ מעין פון דער התחדשות מאין ליש, וואָס דערפאַר איז דאָס נאָר בכח הא״ס. און דער כח איז ניטאָ ביי מלאכים[65];

און דאָס האָט משה רבינו גע׳טענה׳ט, אַז אָט דער כח ההתחדשות איז דאָ ביי נשמות למטה, וואָס דורך זייער עבודה אין עוה״ז זיינען זיי „מולידים״ — מ׳נעמט דברים תחתונים און מ׳מאַכט פון זיי (ועי״ז פון גאַנץ סדר ההשתלשלות) אַ דירה לעצמותו ומהותו ית׳.

(משיחות יום ב׳ דחגה״ש תשי״ח)

---

61) ראה בארוכה קונטרס ענינה של תורת החסידות סי״ט (בביאור מרז״ל — קידושין ל, ב — בראתי יצה״ר ובראתי לו תורה תבלין), דעצם התורה שמיוחדת בעצמותו ית׳ מתבטא דוקא בזה שהיא תבלין להיצה״ר.

62) אגה״ק סי׳ כ (קל, רע״ב).

63) ראה בארוכה לקו״ש ח״ו ע׳ 23 ואילך. חי״ב ע׳ 5־74. וש״נ.

64) המשך שמח תשמח תרנ״ז ע׳ 3 (סה״מ תרנ״ז ע׳ קעה) ואילך. וראה לקו״ת שה״ש מ, א.

65) לקו״ת שם (לט, ד ואילך). ביאוה״ז ה, ד.